**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער האקול איבער באדייטנדע רעגנס**

"די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט געטוישט די פארשאצונגען פאר ניו יארק סיטי און טיילן פון לאנג איילענד און די האדסאן וואלי צו פאראויס זאגן נאך אן אונט פון באדייטנדע רעגנס. די העכסטע ראטעס פון רעגנס זענען פארגעזאגט צו אנקומען ווען רוב ניו יארקער שלאפן — אנגעהויבן פון 4:00 פארטאגס. כאטש עס איז נישט ווארשיינליך אז מיר וועלן באקומען די מאסן פון רעגן וואס מיר האבן געזעהן לעצטע וואך, דאך איז די ערד אין ניו יארק סיטי שוין אינגאנצן אנגעזאפט געווארן מיט וואסער, און מיר קענען נאכאמאל זעהן פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען אין פלעצער וואס ווערן גרינג פארפלייצט. באזונדערס מענטשן וועלכע וואוינען אין קעלער אפארטמענטס וועלכע זענען שוין פארפלייצט געווארן אין די פארגאנגענהייט זאלן מאכן אן עוואקואירונג פלאן אויף א באלדיגן פארנעם אין פאל וואס די נאציאנאלע וועטער סערוויס וועט באשטימען אז עס איז נויטיג.

אזוי ווי די שטורעם רוקט זיך אריבער דעם ראיאן, איז אונזער מעסעדזש קלאר: ווען איר וועקט זיך אויף מארגן, זייט וואכזאם, נעמט אונטער באווארענונג שריט און האלטן אן אויג אויף אייערע לאקאלע וועטער זאגער בעפארן מאכן פלענער פארן טאג. עס איז קריטיש אז מיר זאלן ארבעטן צוזאמען צו באשיצן די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()